ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת בשלח

אין די פרשיות וועלכע מיר לייענען איצטער אין ספר שמות, זעהן מיר א גרויסער אונטערשייד צווישען די מנהג פון די מצריים און פון להבדיל די אידן.

ביי די מצריים זיינען געווען גרויסע חכמים. עס שטייט אין מלכים אז שלמה המלך'ס חכמה איז געווען גרעסער פון חכמת מצרים. האבן זיי דאך געהאט פיל חכמה. אבער ווער האט געהאט די חכמה? נאר די חרטומי מצרים און איצטגניני פרעה. זיי האבן זיך אפגעזונדערט פון פאלק און זיך פארנומען מיט חכמה. דער פאלק, אבער, האט ניט געלערנט און ניט פארשטאנען. זיי האבן ניט געהאט קיין שייכות צו חכמת מצרים.

דאקעגן, ביי אידן להבדיל, איז אונזער חכמה, די הייליגע תורה, פאר *אלעמען*. נאך יציאת מצרים זיינען די אידן געקומען צום בארג סיני מקבל זיין די תורה, און דעמאלסט זיינען זיי געווארן א פאלק, ווי עס שטייט "היום הזה נהיית לעם". *גלייך* ווי די אידן זיינען געווארן א פאלק האבן זיי אלע באקומען די תורה.

ווער איז געקומען צום בארג סיני? ניט נאר די חכמים און ניט נאר ראשיכם שבטיכם, נאר אלע אידן אנשים נשים וטף, מענער פרויען און קינדער. און ניט נאר די אידן פון דעם דור, נאר את אשר ישנו פה ואת אשר איננו פה, אלע נשמות פון אלע אידן אין אלע דורות.

סיי גרויסע און סיי קליינע באקומען די תורה. "משהתינוק מתחיל לדבר אביו מלמדו תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב". גלייך ווי דער קינד הויבט אן רעדן, נאך איידער ער קען פארשטיין, באקומט ער שוין די גאנצע תורה. מען לערנט מיט עם טאקע נאר וויפיל ער קען יעצט פארנעמען, אבער מען זאגט עם אז וויבאלד ער איז פון קהלת יעקב ירשנ'ט ער די גאנצע תורה.

(משיחת יו"ד שבט תשמ"ג)

Back to "Leben Mit Der Tzeit"